*סענזאציע אין ארץ ישראל:*

# אראבישער יוגנטליכער אפגעשטעלט מיט אייגן-פאבריצירטע פאַרמעט

## פארמעט נישט קאנפיסקירט געווארן און ווערט זיכער ווייטער פארשפרייט

ש. כהן

בני ברק - אַ סענזאציע האט ארומגענומען ארץ ישראל, ווען עס איז באריכטעט געווארן אז אַן אראבישער יוגנטליכער איז אפגעשטעלט געווארן דורך זעלנער, מיט פארמעט וואס ער האט אליינס פאבריצירט עס צו פארקויפן פאר פרומע אידישע סוחרים, און עס איז פאראן אַ גרויסע מעגליכקייט אז דער אראבער טוט דאס שוין פאר אַ לאנגע צייט און די סוחרים זענען מכשיל אומוויסנדע אידן.

די מעשה איז פארגעקומען ביים גרעניץ פון מדינת ישראל מיט יהודה ושומרון, וואו ס'איז שטענדיג באוואכט פון זעלנער, און יעדער וואס וויל אריינקומען ווערט שטרענג דורכגעקוקט, צי ער פארמאגט נישט קיין שעדליכע מאטריאל. יענעם טאג ווען דער אראבער איז געקומען צו פארן, איז ער אפגעשטעלט געווארן דורך אַ זעלנער, און ווען דער אראבער האט געעפנט דעם טראנק און אנטפלעקט אן אומגעווענליכן גרויסן זאק, האט עס ווי פארשטענדליך פארשאפט א שטארקן חשד אז דא האנדלט זיך פון עפעס געפערליכס.

דער זעלנער האט גלייך אפגעשטעלט דעם אראבער, און באפוילן זאפארט צו עפענען דעם פארדעכטיגטן זאק. ער איז געווארן שטארק איבערראשט צו זען ווי דער זאק איז פשוט פול מיט שיינע ווייסע יריעות, גרייט צו שרייבן דערויף ספרי תורה, תפלין און מזוזות.

דער ערשטוינטער זעלנער האט אים גלייך געפרעגט וואס ער פלאנט דא צו טאן מיט די פארמעט. ער איז שאקירט געווארן צו הערן אז דער אראבער פלאנט עס צו פארקויפן אין בני ברק, און האט אים אפילו איבערגעגעבן א טעלעפאן נומער פון דעם סוחר פאר וועמען ער האט געפלאנט צו פארקויפן זיין פארמעט!!!

דער זעלנער האט אויספרובירט דעם נומער, און אויף דער אנדערער זייט האט געענטפערט א סוחר פון תשמישי קדושה!!!

עס איז טאקע נישט דא קיין באווייזן אז יענער ספעציפישער סוחר האט טאקע באשטעלט ביי אים די פארמעט. אבער דאס איז יא זיכער אז דער אראבער האט באוויזן אנצוקניפן קשרים מיט אידישע סוחרים, און אז ער מאכט פארמעט וועט ער דאס אויף איין

(פארזעצונג אויף זייט 120)

# אראבישער יוגנטליכער אפגעשטעלט מיט אייגן-פאבריצירטע פאַרמעט

(פארזעצונג פון זייט 3)

וועג אדער אן אנדערער באוויזן אריינצושווערצן אין אידישע הענט.

דער זעלנער וועלכער האט אליינס נישט געקענט אפשטעלן דעם אראבער פון פארקויפן זיין פארמעט, וויבאלד דער אראבער וואלט אים געקלאגט אין געריכט - האט אבער פארציילט די מעשה פאר'ן רב פון זיין שטאט ראשון לציון, וועלכער האט דאס ווייטער פארציילט פאר היימישע רבנים מיט וועמען ער איז אין קאנטאקט, הרה״ג ר' משה שטיין שליט״א פון ביד״ץ שבט הלוי און הרב בנימין לובין שליט״א פון מפקחי סת״ם עדה החרדית, כדי זיי זאלן מעורר זיין דעם ציבור נישט אריינצופאלן אין דעם אויסגעשפרייטן נעץ. דער רב דרוקט זיך אויס אז ער קען נישט טרעפן קיין רו ווען ער זעט אז ס'איז נאך אלץ דא אידן שומרי תורה ומצוות וועלכע קויפן פארמעט אן קיין השגחה שטעמפל פון א רב אדער פראמינענטע בית דין.

זעלבסטפארשטענדליך אז די געשיכטע ווייזט ווי שטארק מען דארף זיין פארזיכטיג ווען מען קויפט איין פארמעט, צו וויסן אז עס האט אַ השגחה פון אַן ערליכער רב אדער באוואוסטן בית דין.○